דוד האָפשטײן

מאַרק שאַגאַל

דוד האפשטיין

טרויער

הילע און צייכנונגען
פון מ. שאגאל.

די גאַנצע האכנאָסע פונם בוך—לטויוועס די הונגערנדיקע אידישע קאלאניעס.

ארויסגעגעבן אַף די מיטלען פון איד .געז. קאָם. (אידגעזקאָם).

דורכן

קאָאָפּעראַטיוון פאַרלאַג „קולטור-ליגע".
קיעוו—1922

Purchased on the Edwin J. Beinecke Fund and Rosalyn and Joseph New Fund for Yiddish Literature

איך מאָן ניט,
איך פרעג נאָר...

סיון—מזלו תאומים,
מזל שבט—דלי.

קוק נאר אָן,

ווי זי יאָגט,

די ראָד פון

מאַזאָלעס; זיי בלאַנקען, ווי

מעסערס, די שפיזלאך.:. ערשט

דעם צווילינג געזעען אין

כאָלעם—איצט פון עמער

שוין וואַסערן

פליסן...

ערשט

געלערנט

זיך זוכן

און שעפן די

פרייד אין די

פאַנען פון פלעצער —

איצט זע איך געשאכטענע

שעפסן, איצט הער איך נאר

אַנגסטלעכע קרעכצן...

Якову Савченко.

אוקראינע.

אין קראנקן מויאַך,
ווי הייסער פעך,
זיך שיטן נעמען
פון שטעט פאַרשווענדעטע,
בלוטיק נאָענטע
און בלוטיק פרעמדע...
פאַסטאוו!
וואַסילקאוו!
און נאָך,
און נאָך...

כ'האָב אָנגעטאן
צוויי קעגנאיבערדיקע פענסטער
פון וואַגאָן
אַף מיינע דארשטיקע,
שוין פיבערדיקע בליקן...

אָן מי,
אָן רו,
אן שאבעס
און אן זונטאג
גייט די וואָך...

איך וואַנדער ווידער
איבער אייער הויל,
צעוויקלטע, צעלאָזטע פעלדער
פון אוקראַינע;

איך שרייב מיט רויך
פון שוין צעשרויפטן
לאָקאָמאָטיוו
אַ איַיליקע, א ציטעריקע בריוו
דער העלער הימלדיקער הויך...

מיט הייסן גלייכגילט
קוקט זי צו,
ווי עס שווינדלען
אָאַזיסן פון מיינע כורוועס
אַף ברייטער פלאך פון פעלדער מילדע,
שטיל פארשאָטענע
מיט ביינקשאַפט,
רייך באפייכטע
מיט מיין בלוט...

די אָפּגעריסענע
צעדארטע ווענט
פון גרויען
אומריינעם וואַגאָן—
זיי ציטערן
אינאיינעם מיט די זייטלאך
פון מיין אופגעוואכטן האַרץ,
און אונטער וואַקלענדיקע פּלייצעס
שטייט יונג-געבויגן,
מיט ווארעמקייט און קינדערש-ריינע אויגן,
די אלטע-אלטע טיַינע:
וואָס וואויגט אריבער
א טראָפּן בלוט
פון קינדערשן
אומשולדיק-שיינעם ווען...

אַ טאָג, אַ טאָג א גאַנצן ווארטן,
אַף דריי פארשעמטע קלינג...

איך קאָן זי שוין פון לאַנג,
די אומעטיקע ליידיקגייערשאַפט
אַף דיינע וויסטיקע וואָקזאַלן...

טריט באנדיטעשע
און לידער שיקערע
אַף דיינעווימלענדיקע מאַרקן...

איך קאָן זי שוין פון לאנג,
די ברוסט
פון דיינע מיינגען,
וואס אונטער סוויטע רויטלעכער
(ווי אלט פארזשאווערט אייזן),
איז שטענדיק גרייט
זיך שטאָפּן מיט פארדרוס,
איז שטענדיק גרייט
די ווילדע הענט צעהוידען,
זיי ווארפן אַף אַ קאָפּ:
— שלאָג!
— קלאָפּ!...

איך פיל מיט ליבע נאָך:
עס האָט קיין שויב דא ניט געפלאצט
אין בערג־טורעמס אין דיינע,
וואָס קוקן, לויטער נאָך,
אַף די געוויסערן פון דניעפּר,
אַף סטעפּעס דיינע...
מיט טויזנט טאַצן הייסע טאַנצט די זון
און בלענדט,
און הויבט באַ פּיסגייער די פיס,
און וואַרפט באַ וואנדערער די הענט...

איך ווייס דאָס אויך:
ביסט דוירעס לאַנג
געווען אַ מיקלעט־פלאַץ
פאַר אויסוואורפן
פון גרויסן גרויען לאַנד...
אַף אַלע־אַלע שטרעקעס זיינע
שאָטנט זיך דיין שאַנד,
אוקראַינע!

Сергею Есенину

*

אַמאָל, אַמאָל, אין שטילע טאָלן שעפסן כ׳האָב געפּאַשעט,
אַף די גרינע היכן דארט געבלאנדזשעט האָבן אינדן,
ארום, ארום—דער מידבער האָט געשפּרייט די העלע אַשן
פאַר ברענענדיקע ווירבלענדיקע ווינטן...

נאָר שעפסן שטילע מיט געפאָלג פון זיסן פייפל,
נאָר אינדן צאַרטע, וואָס דעם ציטער דא פאַרהיטן,
נאָר העלע אשן, וואָס דעם וויסטן גלאַנץ דאָ שלייַפן
פאַר ווינטישער, אָנגרענעצדיקער שליטע...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

איצט האָב איך זיי אַף דיינע סטעפּן דאָרפישע טאַבונען,
ווידער שטייגן יונגע מאכנעס — שטאָלצע הוננען,
מיט קאָפּ שוין קלאָפּן זיך אין טויערן פון נייע רוימען,
און ווידער, ווידער רופט מען מיך מיט לייב־ציטער זיי צוימען...

*

איך בין מיד שוין
פון שוועבן,
פוז שווינדלען,
פון שווימען,
פון ווייקן אין וואַסערן פרעמדע —
און אייגנס זאל מיך נאר רייצן...

. . . .

נו, געווען איז אמאל אין מיין לאנד
אין גרינעם,
אין טאליקן ווינקל
אין גאליל —
נו, געווען איז א אידישע מאמע,
און די מאמע געהאט האָט א קינד,
און פון קינד
איז געווארן א מאן מיט שאָפענע גלויביקע אויגן...
איז ביז וואנען
קעגן הימלשן כאָלעל
אַף קלייסטערשע שפיצן
וועלן גאָלדענע פאסן זיך קרייצן, —
ביז וואנען וועלן בליקן באטריבטע
מיר פינקלען
אַף יעדן מיין מידן,
מיין בלוטיקן טראט?...



זון־פארגאנג

*

נאך א שורים פון זונען־האפן ווייטן...
ווידער כ'בין צו וויסטעניש געווענדט,

פעסט ווי וועלט איז דא די בייט פון צייטן...
נאר פאר וואס פארברעכן זיך די הענט?

קאלטע ערד מיט אלע אירע ראָסטן
שווימט ווי רויך פון אונטער מיינע פיס...

גלייך א לאסט מיר האט מיין טראט צעמאסטן,
גלייך עס קלינגט מיר: זע נאר, ניט צעגיס!

אלץ דא טויג פאר פרייען פלאם פון לעבן...
האט געוויין דיר אפגעזאגט דער טאג.

איז ביז טיפער נאכט דיר גלי פארבליבן —
וויי פון ריס, פון אפשייד ווייט צעטראגן!..

אין פאלן.

א וואלגער ...

און ווידער אַ וועלט איינגעפאלן,
פארפאלן אהינצו,
אין אפגרונט פון ליידן פון דיינע —
און שאַ...

. . . .

און עפשער דיין וועלט איז אין וועג נאך?

. . . .

אָ, אפגרונט!
איך מאָן ניט, איך פרעג נאָר —
איך ווייס שוין פון לאנג, פון לאנגאָנעץ,
וואס הייסט מיט דיר טייַנען,
וואס הייסט באַ דיר מאָנען...

. . . .

איך שטיי דא פון אויבן
באַם זוים פון דיין שלונג פון דיין שווארצן,
איך קני דא,
איך שפרייט מיינע הענט אויס
צו פוסטקייט צו קאלטער און שטומער...

ס׳וועט עפשער נאך קומען
צום הארצן
אן אפקלאנג פון פאלן,
פון וועלטישן פאלן
אַף איינעם א סטאָרטשענדן קנייטש באַ א זייט=וואר,
אן אפקלאנג א טויבער,
א ווייטער...
פאר דיר דא,
פאר שטייען
פאר קניען
מיט הענט אויסגעשפרייטע—
וואס קאן ער באטייטן?

. . . .

וואס ביסטו אין שטאנד נאך?
דאס שענסטע,
דאס ריינסטע,
דאס גרעסטע—
פון ווייען, פון ליידן
נאך קענסטו
באקומען
א שנירעלע שורעס
געריימטע,
געפרעסטע—
א שנירעלע שורעס אַף בלעטל צעקנייטשטן,
פארוואלגערט דארט ערגעץ
אין ריזיקע קאָרבן פון יארן!...

. . . .

דערמאַן זיך—
האָסט ענלעכעס עפּעס געזען דאָך
אין קינדערשע יארן אין צארטע?

. . . .

... אין שטיינערנע הויפן
בא מיסט-הויפנס גרויסע,
אין קאסטנס פארשפארטע
(מיט קרעציקע קעץ,

מיט פארוואָגלטע הינט,
וואס זיך גריבלען פון אויבן),—
בא קאסטנס אזוינע
אף ראָסטיקע, ברודיקע שטיינער
אפט צוזעען
א שנירעלע בלוט=טראפּנס העלע און ריינע...

. . . .

ביסט שטענדיק פאר זיי דאן געשטאנען
אין וואונדער אין שטומען...
פאר האַרצן פאר דיינעם
געווען איז אלץ איינס נאך,
ווער האָט זיי פארלארן,
פון וואנען אהערצו זיי קומען...

. . . .

און אויבער
עס וועט דיך באגליקן,
און זיין וועט דיין ליד אזוי העפקער און זויבער,
ווי בלוטיקע טראפּנס
אַף שנייען פון וויטן סיביריען...
עס האָט זיי באוויזן צעזייען
אין לעצטע מינוטן
א פיקסל פון צאָפּן, א הינטל פון שנייען...

. . . .

. . . .

. . . .

געדיינקנסט, ווי עס שטאַרבט אזא פיקסל,
וואס האָט נאר איין כאכמע געקראָגן
פאר הימל,
פאר לייטן
א הייטל א פוכיקס, אַ ווייסינקס
אין ווינטער אין ווייסן צו טראגן...
געדיינקסט, ווי עס שטארבט אַזאַ פיקסל...

. . . .



שארף איז דער בליק באַ דעם פעלדישן יעגער...
ער זעט עס, דאס פיקסל,
נאר פארט אין א זייט גאר.
ער ווארפט פריער אָנעט פון ווייטן
א קרייז גאר אברייטן...
און פיקסל ווייסט איינס נאָר—
מיט פעלעכל ווייסן
צו ווייסקייט פון פלאכן
זיך בייגן, זיך טוליען...
א קרייז נאך א קרייז,
און אלץ שמעלער, און שמעלער,
און ס׳שטעקן שוין שפּיזלאך פון פּאכעד
באַ פיקסל אין אויגן—
און וואלט עס שוין וועקן,
דאָס ווייסינקע פיקסל,
זיך רייסן
און לויפן,—
איז איצטער שוין שפּעט דא וואס עפּעס באוויזן...
. . . .
. . . .
און שארף איז דאָס אויג באַ דעם פעלדישן יעגער,
געטריי איז זיין ביקסל...
און טרעפט ער
אין קאָפּ ניט,
אהין, וואו געהער איז—
אין מיט
צווישן שלייפן,
אין שניט
צווישן אויגעלאך שווארצע—
דאן טרעפט ער—
אין הארצן!...
. . . .
. . . .

. . . .

נאר טרייסט איז פאר קיינעם
אַף ערד ניט פארבאָטן!
פאר פיקסל אַזוינעם,
וואָס האט ניט געוואלט,
אין האט פארט זיי צעשאטן,
די בלוטיקע טראפּנס,
אַף זויבער פון שנייען,
איז אויך נאך א טרייסט דא פאַראַנען·—

. . . .

עס קאָן זיך דאָך טרעפן,
איין גאט ווייסט פון וואנען,
זאל קומען
א גייער, א זוכער,
א טרוימער, א שפּאַנער,
וואָס ציט דורך זיין רייזע
דורך פעלדער דורך ווייסע··
עס קאָן זיך דאָך טרעפן,
אז מענטשלעכעס הארץ זאל זיי טוליען,
די בלוטיקע ווייען,
אז מענטשלעכער בליק זאל זיי איינציקווייס קלייבן
פון זויבער פון שנייען,
די טראפּנס די רויטע...
דען איז דאָס קיין טרייסט ניט?...
נו, זאג-זשע, נו, בויג-זשע דעם קאפּ אָן, זייַ מוידע!
אַ טרייסט אזא איז איצט דאס גרעסטע
פאר דיר און פאַר פיקסל געמיינזאַם...

. . . .

אָ, אָפּגרונט!
אויב דאס איז דאס גרעסטע,
וואס קאן שוין דא קליין זיין?

. . . .

אסור לקראת...
בנביאים וכתובים
ומותר לקראת באיוב...
(דיני אבילות)

. . . .

בלע המות לנצח
ומחה אדני דמעה מכל פנים...
(ישעיה כ"ה)

קינדער-שפרון.

ס׳איז פארט שוין פעווראל,
מיט אמאל איז געווארן היינט לינדער,
און קינדער —
זיי האבן צעשפילט זיך, צעהוליעט
אף פירעקן־שיין, וואס דורך ווארעמע פענסטער
צום דיל צו דעם קאלטן זיך טוליען...

. . . .

ווי האט ער געטרויערט, מיין זיידע מיין ווייטער?
ווי ווען זיי טרויערן, קינדער נאך קליינע,
נאך ווילדע,
וואס ברעקלען דעם טונקלען געוועב פון מיין שווייגן,
און מאכן אים גאנץ באלד,
און וויקלען צונויף אים
אינאיינעם מיט קלאנגען פון יונגן געפילדער...
ס׳איז גרינגער
פון זייערע הענטלאך אים ווידער באקומען
און ווידער זיך הילן
און שפאנען, און שטומען, און שטומען...
מיין טאג שוועבט זיך ווייטער,
און טריבע מינוטן דורך פענסטער דורך העלע
מיר שיטן זיך ווידער...
איך זיפ זיי דורך פינגער דורך מידע,
ווי זאמד,
ווי אָנצאליקן זאמד אף א ברעג פון א יאם,
אפן ראנד,
וואו צוויי גרויסע יסוידעס
אלץ פליסן און גיסן צונויף זיך צוזאמען...

. . . .

ווי האט ער געטרויערט, מיין זיידע?...
עס ארט מיך ניט שטארק, נאר איך פרעג עס,
פון פרי היינט אין שטילקייט א פראגע באלייט מיך:

... און, ס׳האט זיך באוויזן:
א סידער אן אלטן
(מיט דיני אבלות—
אן אַלטן בית־יעקב)
האב איך היינט צו דאנקען
פאר מאָנעלאך טרייסט,
פאַר א פאָר פרישע רעגעס...
מיין טרייסט איז אין דעם מיר באשטאנען,
וואס ערגעץ אַ לאנד אזא עוץ איז פאראנען.
וואס דארט האָט געוואוינט א מאן איוב,
און דא אט, אין שטאט, וואס הייסט קיעוו,
מיט יארן מיט טויזנטער שפעטער,
געמישט האב איך גלאטינקע בריטישע בלעטער,
אט דארט, וואו פון איוב אין זיי איז פארשריבן...
ס׳איז נאך מיר א פראגע געבליבן:

. . . .

ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאך קליינע?
נאר וועמען דא קען איך איצט פרעגן?
אינגאנצן דאס האבן פארשוויגן
די אַלטינקע שורעלאך רש״י...
און וועגן אזעלעכע זאכן
מיט וואונקען, מיט פונקען נאר רעדט דאס תנ״כל...
אין מויאַך אין מידן זיך באָרבלט:
פאסטערס אינסטיטוט,
אפטימיזם
און מעטשניקאָווס וועלט־פראסטאקוואשע...
און עפשער זיך ווענדן צו קינדער?
נאָר קינדער,
זיי האבן צעשפילט זיך, צעהוליעט...
ס׳איז פאָרט שוין פעווראל,
מיט אמאל איז געווארן היינט לינדער;
און קינדער —
זיי האבן צעשפילט זיך, צעהוליעט
אף פירעקן־שיין, וואס צום דיל
צו דעם קאלטן זיך טוליען...

. . . .

איך מיש זיי שוין ווידער,
די גלאטינקע בריטישע בלעטלאך·

. . . .

אָ, קלוגער אליפז,
אליפז פון תּימן,
דיין קלארע חריפות
ניט ווארעמט שוין קיינעם...
מיין קאפּ איז מיט אש ניט באשאטן,
איך שטיי אן אנטבלויזטער —
פאר מיר איז דא גארניט פארבאטן!
מיין אנמאכט, מיין מענטשלעכער אנמאכט
איז נידריקער נאך פון די דילן פון קלויסטערס,
פון דילן פארבוקטע
דורך שטערנס פון דוירעס...
נאר ס'האט אויך אין הייך ניט קיין גלייכן
מיין מענטשלעכע דרייסטקייט —
איך וויל פון קיין טרייסטערס ניט וויסן
אט דא אף דער ערד צווישן וועלטן!
די גרייס פון מיין מענטשלעכן עלנד,
די גרייס פון מיין טרויער —
אט דאס איז מיין טרייסט,
מיין געוויסן,
מיין דרייסט
און מיין קויאך...

. . . .

---

*

ווידער רויש פון רעדער גיט צו וויסן,
אַז איך בין אין ענדערונג, אין וועג.
וואָס זשע הייסט דאָ ליידן, וואָס זשע הייסט געניסן, --
כ׳פרעג.

אויב איין שמאלער ריר דא האט פארטיליקט
אט דעם קאנט פון אומרו און פון רו,—
וואו-זשע איז דאָ צווישן זיי דער כילעק,
וואו?...

אסור לקראת...
בנביאים וכתובים
ומותר לקראת באיוב...
(דיני אבילות)

. . . .

בלע המות לנצח
ומחה אדני דמעה מכל פנים...
(ישעיה כ"ה)

קינדער-שפּרוך.

ס'איז פאַרט שוין פעוורהל,
מיט אמאל איז געוואָרן היינט לינדער,
און קינדער —
זיי האָבן צעשפּילט זיך, צעהוליעט
אַף פירעקן־שיין, וואָס דורך וואַרעמע פענסטער
צום דיל צו דעם קאַלטן זיך טוליען...

. . . .

ווי האָט ער געטרויערט, מיין זיידע מיין ווייטער?
ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאָך קליינע,
נאָך ווילדע,
וואָס ברעקלען דעם טונקלען געוועב פון מיין שווייגן,
און מאַכן אים גאַנץ באַלד,
און וויקלען צונויף אים
אינאיינעם מיט קלאַנגען פון יונגן געפּילדער...
ס'איז גרינגער
פון זייערע הענטלאַך אים ווידער באַקומען
און ווידער זיך הילן
און שפּאַנען, און שטומען, און שטומען...
מיין טאָג שוועבט זיך ווייטער,
און טריבע מינוטן דורך פענסטער דורך העלע
מיר שיטן זיך ווידער...
איך זיפּ זיי דורך פינגער דורך מידע,
ווי זאַמד,
ווי אָנצאַליקן זאַמד אַף אַ ברעג פון אַ יאַם,
אַפן ראַנד,
וואו צוויי גרויסע יסוידעס
אַלץ פליסן און גיסן צונויף זיך צוזאַמען...

. . . .

ווי האָט ער געטרויערט, מיין זיידע?...
עס אַרט מיך ניט שטאַרק, נאָר איך פרעג עס,
פון פרי היינט אין שטילקייט אַ פראַגע באַלייט מיך:

וואס דארף איך זי די לויטערקייט
די קלארע

*

קיין דאך, קיין ווענט, און שוועלן אומעטום,
און פיס פארהאלטן זיך, שוין גרייטע צום אריינגאַנג,
און טירן ציען מיך און פירן מיך ארום,
טירן האַרבסטיקע מיט לויטערקייט פארהאנגען...

ס'האָט ליבע צאַרט געהוידעט דאָ איר וויג,
היימען הונדערטער דאָ האָבן שטיל גערויכערט...
צי האָט פון דאַנען נאָך געדעטעט זיך א בליק,
צי שפּילן ערגעץ־וואו פונדאנענדיקע קויכעס...

וואָס טויג זי מיר, די לויטערקייט די קלאָרע,
וואָס אויך אין שפּאַלטן כורוועשע פאררינט,
און וואָס צעטראָגן וועט פון ביטערע אזקאָרעס
מיין זייער (דערווייל מיין איינציקער)–דער ווינט...

זשיטאמיר—ראדאמיסל 1921

איך ווייס ניט צי איז מיין לייד
אף וואגשאלן פון וועלטן...
אשר שווארצמאן.

*

געפאלן אין וואוילטאג פון וועלט
מיין לייד—מיין שטיין מיין שווערער—
רייפן פון ווי' קוועלן,
רייפן פון ווי' זיך מערן.

אין יאמען פון קנעכטישן גרוי—
רינגען פון קייט פון מיינער...
איז ארוף, ווי בלוטיקער טוי
א רוט פון קליאמערנדע שיינען.

כ'בין ארויס מיט האלז-שניר פון טרויער
אף ווייסע רוסישע פעלדער,
דער וועלט אין אויער פאררוימט:
„וואו קאן מען זיין עלנדער?"...

און ביז הימלס שטערן-רויגן
פון צעזייטע און שטומע געוויינען
איז אַרוף אין רעגנבויגן
א בויערנדיקער רוף: „אינאיינעם!"...

---

*

ווער שטויבט מיך מיט אפשאף אין וואונק?
ווער ארענט מיך שטענדיק אינאיינעם?
ווער ווארפט מיך אריבער דעם שלונג
פון הונדערטער אפענע „ניינען"?

און הארץ מיינס האלט נאך די לויב
אין שעלטנדע הימנען פון שטרייטן,
און הארץ מיינס זויגט נאָך פון טרויב,
וואָס נערט און שטארקט אף צייטן...

קיעווער פראפטעכנישע פאליגראפישע שול
קרעשט. 16—באשט. 79—4500 עקז.

ע. מ. צ. קיעוו—1922

*

קיין דאך, קיין ווענט, און שווענלן אומעטום,
און פיס פארהאלטן זיך, שוין גרייטע צום ארייַנגאַנג,
און טירן ציען מיך און פירן מיך ארום,
טירן האַרבסטיקע מיט לויטערקייט פארהאנגען...

ס'האָט ליבע צאַרט געהוידעט דאָ איר וויג,
היימען הונדערטער דאָ האָבן שטיל גערויכערט...
צי האָט פון דאַנען נאָך געדעטעט זיך א בליק,
צי שפילן ערגעץ-וואו פונדאנענדיקע קויכעס...

וואָס טויג זי מיר, די לויטערקייט די קלאָרע,
וואָס אויך אין שפּאַלטן כורוועשע פארריננט,
און וואָס צעטראָגן ווערט פון ביטערע אוקאָרעס
מיין זייער (דערווייל מיין איינציקער)-דער ווינט...

ושיטאמיר—ראדאמיסל 1921

איך ווייס ניט צי איז מיין לייד
אף וואגשאלן פון וועלטן...
אשר שווארצמאן.

*

געפאלן אין וואוילטאג פון וועלט
מיין לייד — מיין שטיין מיין שווערער —
רייפן פון וויי קוועלן,
רייפן פון וויי זיך מערן.

אין יאמען פון קנעכטישן גרוי —
רינגען פון קייט פון מיינער...
איז ארוף, ווי בלוטיקער טוי
א רוט פון קליאמערנדע שיינען.

כ'בין ארויס מיט האלז-שניר פון טרויער
אף ווייסע רוסישע פעלדער,
דער וועלט אין אויער פאררוימט:
„וואו קאן מען זיין עלנדער?"...

און ביז הימלס שטערן-רויגן
פון צעזייטע און שטומע געוויינען
איז אַרוף אין רעגנבויגן
א בויערנדיקער רוף: „אינאיינעם!"...

---

*

ווער שטויבט מיך מיט אפשאף אין וואונק?
ווער ארעמט מיך שטענדיק אינאיינעם?
ווער ווארפט מיך אריבער דעם שלונג
פון הונדערטער אפענע „ניינען״?

און הארץ מיינס האלט נאך די לויב
אין שעלטנדע הימנען פון שטרייטן,
און הארץ מיינס זויגט נאָך פון טרויב,
וואָס נערט און שטארקט אף צייטן...

קיעווער פּראָפטעכנישע פּאָליגראַפישע שול
קרעשט. 16—באַשט. 79—4500 עקז.

ע. מ. צ. קיעוו—1922

Beinecke
Library
2005
+218

די גאנצע האכנאסע פונם בוך — לטויוועס די הונגעריקע אידישע קאלאניעס.

ארויסגעגעבן אף די מיטלען פון איד. געזעלש. קאמ. („אידגעזקאם״)

דורכן

קאאפעראטיון פארלאג „קולטור-ליגע״

קיעוו. 1922.

*

ווידער רויש פון רעדער גיט צו וויסן,
אַז איך בין אין ענדערונג, אין וועג.
וואָס זשע הייסט דאָ ליידן, וואָס זשע הייסט געניסן, --
כ'פרעג.

אויב איין שמאלער ריר דא האט פארטיליקט
אט דעם קאנט פון אומרו און פון רו, —
וואו-זשע איז דאָ צווישן זיי דער כילעק,
וואו?...

איך מיש זיי שוין ווידער,
די גלאטינקע בריטישע בלעטלאך·

. . . .

אָ, קלוגער אליפז,
אליפז פון תימן,
דיין קלארע חריפות
ניט ווארעמט שוין קיינעם...
מיין קאפ איז מיט אש ניט באשאטן,
איך שטיי אן אנטבלויזטער —
פאר מיר איז דא גארניט פארבאטן!
מיין אנמאכט, מיין מענטשלעכער אנמאכט
איז נידריקער נאך פון די דילן פון קלויסטערס,
פון דילן פארבוקטע
דורך שטערנס פון דוירעס...
נאר ס'האט אויך אין הייך ניט קיין גלייכן
מיין מענטשלעכע דרייסטקייט —
איך וויל פון קיין טרייסטערס ניט וויסן
אט דא אף דער ערד צווישן וועלטן!
די גרייס פון מיין מענטשלעכן עלנד,
די גרייס פון מיין טרויער —
אט דאס איז מיין טרייסט,
מיין געוויסן,
מיין דרייסט
און מיין קויאך...

. . . .

... און, ס'האט זיך באוויזן:
א סידער אן אלטן
(מיט דיני אבלות—
אן אַלטן בית־יעקב)
האב איך היינט צו דאנקען
פאר מאָנעלאך טרייסט,
פאַר א פאָר פרישע רעגעס...
מיין טרייסט איז אין דעם מיר באשטאנען,
וואס ערגעץ אַ לאנד אזא עוץ איז פאראנען.
וואס דארט האָט געוואוינט א מאן איוב,
און דא אט, אין שטאט, וואס הייסט קיעוו,
מיט יארן מיט טויזנטער שפעטער,
געמישט האב איך גלאטינקע בריטישע בלעטער,
אט דארט, וואו פון איוב אין זיי איז פארשריבן...
ס'איז נאך מיר א פראגע געבליבן:
. . . .
ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאך קליינע?
נאר וועמען דא קען איך איצט פרעגן?
אינגאנצן דאס האבן פארשוויגן
די אַלטינקע שורעלאך רש"י...
און וועגן אזעלעכע זאכן
מיט וואונקען, מיט פונקען נאר רעדט דאס תּנ"כל...
אין מויאַך אין מידן זיך באָרבלט:
פאסטערס אינסטיטוט,
אפטימיזם
און מעטשניקאָווס וועלט־פראסטאקוואשע...
און עפשער זיך ווענדן צו קינדער?
נאָר קינדער,
זיי האבן צעשפילט זיך, צעהוליעט...
ס'איז פאָרט שוין פעווראל,
מיט אמאל איז געווארן היינט לינדער
און קינדער —
זיי האבן צעשפילט זיך, צעהוליעט
אף פירעקן־שיין, וואס צום דיל
צו דעם קאלטן זיך טוליען...
. . . .